# גליון 257
## לך לך תשפ"ו



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# לֶעבְּן ווִי אַ תָּם

מִיר לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס דִי וָואךְ אוֹיף אַ לַאנְגֶע רַייזֶע, מִיטְן בַּאקַאנְטְן מַעֲשֶׂה פוּן 'דֶער חָכָם אוּן דֶער תַּם'. דִי מַעֲשֶׂה אִיז בַּאקַאנְט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דֶערְמִיט ווִי מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן חָכְמוֹת, אוּן דִי גְרוֹיסֶע מַעְלָה פוּן וֶוער עֶס גֵייט אוּן פִירְט זִיךְ אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן נָאר בִּתְמִימוּת.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער צְוֵויי קִינְדֶער וָואס אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תַּם. "אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דֶעם זֶעלְבְּן חֵיידֶר". דָאס הֵייסְט אַז בֵּיידֶע - סַיי דֶער חָכָם אוּן סַיי דֶער תַּם הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיפְן זֶעלְבְּן אָרְט. וואוּ? בַּיי אוּנְז אוּן אִין אוּנְז.

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעווֶען יוּנְגֶע קִינְדֶער זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען תְּמִימוּת'דִיג אוּן זִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אָרְנְטְלִיךְ. צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען אַלְץ מֶער שֵׂכֶל, אוּן מִיט דֶעם זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוַואקְסְן דִי חָכְמוֹת, קוּשְׁיוֹת, אוּן צֶעמִישֶׁענִישְׁן. הַיינְט, דַארְפְן מִיר אִידֶענְטִיפִיצִירְן אִין אוּנְזֶערֶע הַנְהָגוֹת, וֶועלְכֶע עֶס קוּמֶען פוּן אוּנְזֶער אָרְט פוּן תְּמִימוּת, אוּן וֶועלְכֶע עֶס קוּמְט פוּן אוּנְזֶער זַייט פוּן חָכְמוֹת; זֵיי אָפְּטֵיילְן, אוּן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּן דִי חָכְמוֹת.

מִיר אַלֶע הָאבְּן חָכְמוֹת, אָבֶּער מִיר דַארְפְן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוּן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן נָאר מִיט דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע וֶועגְן. דֶער רֶבִּי אִיז מְדַיֵּיק, אַז דֶער תַּם אִיז בִּכְלַל נִישְׁט חָלִילָה קֵיין טִיפֵּשׁ. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרָאדְן שֵׂכֶל. עֶר הָאט זִיךְ נָאר 'גֶעפִירְט' תְּמִימוּת'דִיג. וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט אִיבֶּער זִיךְ אוֹיפְפִירְן נַארִישׁ אוּן טוּן טִיפְּשׁוּת'דִיגֶע שְׁרִיט - מַמָּשׁ נִישְׁט. מֶען דַארְף זִיךְ נָאר אוֹיפְפִירְן תְּמִימוּת'דִיג: לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ תְּמִימוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן יֶעדֶע פְרֵיילִיכֶע טֶענְצְל, אִיז גָאר גְרוֹיס בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

"זֵיי הָאבְּן זִיךְ בֵּיידֶע לִיבּ גֶעהַאט", דָאס מֵיינְט אַז דִי חָכְמָה אוּן תְּמִימוּת הַאלְטְן נִישְׁט מִלְחָמָה אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן. זֵיי קוּמֶען זִיךְ גוּט אוֹיס, אוּן דַוְקָא וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען הַאלְטְן אַן אָפֶענֶע אוֹיג אוּן צוּלֵייגְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט אַז אוּנְזֶער הַנְהָגָה זָאל זִיךְ צוּפַּאסְן צוּ דִי וֶועגְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּם, וָואס זַיין לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אֱמֶתְ'דִיג אוּן גוּט.

דוּרְכְאוֹיס דִי מַעֲשֶׂה בַּאגֶעגְנֶען מִיר דֶעם חָכָם קוּקְן דִי גַאנְצֶע צַייט 'וָואס גֵייט זַיין חָשׁוּב בַּיי מֶענְטְשְׁן'. זַיין דַאֲגָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִיבֶּער זַיין בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייט אוּן הַצְלָחָה, נָאר אִיבֶּער וָואס מֶען וֶועט זָאגְן אוּן רֶעדְן אִיבֶּער אִים. עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר יֶענֶעם, אַנְשְׁטָאט צוּ לֶעבְּן זַיין אֵייגֶענֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע מוּצְלָח'דִיגֶע לֶעבְּן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי צֶענְטְרַאלֶע גוֹרֵם צוּ דֶעם אַז עֶר הָאט פִיל גֶעלִיטְן אוּן גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע בּוּשׁוֹת. יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן הָאט עֶר אַלֶעמֶען דֶערְצֵיילְט, אוּן עֶס אוֹיסְגֶעפוּיקְט אִין שְׁטָאט, אוּן זִיךְ גֶעגְרוֹיסְט אִין לַאנְד, אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין חֲשִׁיבוּת, וָואס דָאס הָאט אִים דַוְקָא גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲנוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת, אַ גְרוֹיסֶע אָרִימְקַייט אוּן שְׁוֶוערֶע עֶלֶנְדְקַייט.

דַאגֶעגְן זַיין חָבֵר דֶער תַּם, וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן אוּן אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ מִיט זַיינֶע פְּשׁוּטֶ'ע מַעֲשִׂים אוּן זַיין אָרִימֶע פַאךְ, הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע הוֹיז, פוּל מִיט הֲנָאָה אוּן סִיפּוּק פוּן זַיינֶע פָארְשְׁרִיט. עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען וָואס מֶען גֵייט זָאגְן אוֹיף אִים, אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען וָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט אוֹיף אִים. עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעטִיגְט מִיט זַיין 'אוֹיסְוַואל' פוּן עֶסְן, אוּן זִיךְ גֶעקְלֵיידֶעט מִיט זַיינֶע 'סָארְט' קְלֵיידוּנְג. זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען פוּל אוּן זַאט מִיט דֶעם וָואס יֶעדֶע מֶענְטְשׁ זוּכְט; פְרֵייד אוּן גְלִיק!

אַ גְרוֹיסֶע אוּן הוֹיכֶע חֲשִׁיבוּת הָאט גֶעהַאט בַּיים רֶבִּי'ן דָאס זַיין אַ "תָּמִים", וָואס דָאס אִיז 'דָאס עִיקָר פוּן אִידִישְׁקַייט' - אַזוֹיווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "דָאס עִיקָר פוּן אִידִישְׁקַייט אִיז צוּ גֵיין נָאר מִיט תְּמִימוּת אוּן פַּשְׁטוּת, אָן קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת". (ליקוטי מוהר"ן תנינא י"ב)

לוֹיטְן בְּלִיק פוּן דִי וֶועלְט, אִיז צוּ זַיין אַ תָּמִים נִישְׁט קֵיין גְרוֹיסֶע מַעְלָה... "בַּיי דֶער וֶועלְט, אִיז עֶר גֶעוֶוען צוּ שְׁפָּאט, אוּן זֵיי הָאבְּן דֶערְגְרֵייכְט זֵייעֶר תַּאֲוָה דוּרְךְ אִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם פוּן וֶועמֶען צוּ שְׁפֶּעטְן ווִיפִיל זֵיי ווִילְן, וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי מְשׁוּגֶע"...

וֶועגְן דֶעם אִיז ווִיכְטִיג צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען זַיין הֵיילִיגֶע דַּעַת, וָואס אִיז פוּנְקְט דִי פַארְקֶערְטֶע פוּן דִי פַארְקְרוּמְטֶע אוּן טוּנְקֶעלֶע דַּעַת פוּן דֶעם חָכָם, וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אוּן פַארְנַארְט גֶעוָוארְן אוֹיף זַיין שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית. פִילֶע לְשׁוֹנוֹת גֶעפוּנֶען מִיר אִין דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אִיבֶּער דִי מַעְלָה פוּן תְּמִימוּת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז "דָאס עִיקָר אִידִישְׁקַייט" אוּן "דִי תַּכְלִית" אוּן "דִי שְׁלֵימוּת". (ליקוטי מוהר"ן תנינא י"ט) "וואוֹיל אִיז צוּ דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין בִּתְמִימוּת" (חיי מוהר"ן ת"ז) אוּן אִיז זוֹכֶה אַוֶועקְצוּוַוארְפְן זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵּל זַיין דַּעַת צוּם אֱמֶתְ'ן צַדִּיק. וואוֹיל אִיז צוּ אִים, אוּן וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק.

**אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן, וֶועט גֶעעֶפֶנְט וֶוערְן אַ פֶּענְסְטֶערְל צוּם וֶועלְטְל פוּן 'יַעֲקֹב דֶער תָּמִים' אוּן 'שָׁאוּל דֶער חָכָם', ווִיאַזוֹי זֵייעֶר דְרַאמַאטִישֶׁע לֶעבְּן זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעפְלָאכְטְן מִיט תְּמִימוּת'דִיגֶע אוּן אִיבֶּערְגֶעקְלוּגְטֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן...**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ט' - פוּן דֶער חָכָם מִיטְן תָּם (1)

**מַעֲשֶׂה אַמָאל** זֶענֶען גִיוֶוען צְוֵויי בַּעֲלֵי בַּתִּים אִין אֵיין שְׁטָאט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹיס עַשִׁירוּת. אוּן הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹיסֶע הַייזֶער.

**דִי צְוֵויי בַּעֲלֵי בַּתִּים** הָאבִּין גִיהַאט צְוֵויי זִין. דְהַיינוּ אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן. דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין בֵּיידֶע גִילֶערִינְט אִין אֵיין חֵדֶר. אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם אוּן אֵיינֶער אִיז גִיוֶוען אַ תָּם. (נִיט עֶר אִיז גִיוֶוען אַ נַאר. נָאר זַיין שֵׂכֶל אִיז גִיוֶוען פְּרָאסְטִי אָן חָכְמוֹת) אוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. כָאטְשֶׁע אֵיינֶער אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גִיוֶוען אַ תָּם אוּן זַיין שֵׂכֶל אִיז פְּרָאסְטִי גִיוֶוען. פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבִּין זֵיי זִיךְ פָּארְט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט.

**אִין אַ צַייט אַרוּם.** הָאבֶּען אָן גִיהוֹיבִּין דִי בֵּיידֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים אַרָאפּ צוּ גֵיין. פוּן זֵייעֶר עַשִׁירוּת. אוּן זֶענֶען אַלְץ אַרָאפּ מַטָּה מַטָּה. בִּיז זֵיי הָאבִּין גָאר אָן גִיוואוֹירְן אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין אָרִימֶע לַייט. אוּן סֶע אִיז זֵיי מֶער נִיט גִיבּלִיבְּן נָאר זֵייעֶרֶע הַייזֶער. אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבִּין אוּנְטֶער צוּ וַואקְסִין. הָאבִּין דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים גִיזָאגְט צוּ דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבִּין נִיט צוּ צָאלִין פַאר אַייךְ. מִיר קֶענֶען נִיט הַאלְטִין אַייךְ. טוּט אַייךְ וָואס אִיר וֶועט קֶענֶען. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער תָּם אוּן הָאט זִיךְ גִילֶערִינְט שׁוּסְטֶערַיי.

**דֶער חָכָם** אִיז גִיוֶוען אַ בַּר הַבָנָה (כְּלוֹמֶר אַ קְלוּגֶער אַ פַארְשְׁטַאנְדִיקֶער מֶענְטְשׁ) הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זִיךְ נֶעמֶען צוּ אַזוֹי אַ פְּרָאסְטִי מְלָאכָה. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ לָאזִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן וֶועט זִיךְ אַרוּם קוּקְן וָואס עֶר זָאל טָאן. אוּן עֶר אִיז אַרוּם גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַ גְרוֹיסֶע בְּרִיקֶע מִיט פִיר פֶערְד מִיט כָאמִיטִיס אִיז דוֹרְךְ גִילָאפְּן.

**הָאט עֶר זִיךְ** אָנְגִירוּפִין צוּ דִי סוֹחְרִים פוּן וַואנֶעט זֶענְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט פוּן וַוארְשֶׁא. וואוּ הִין פָּארְט אִיר. קֵיין וַוארְשֶׁא. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. טָאמֶער בַּאדַארְפְט אִיר אֵיין מְשָׁרֵתִיל. דִי סוֹחְרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ קְלוּגֶער יוּנְג אוּן אַ בְּרְיָה. אִיז עֶר זֵיי גִיפֶעלִין. הָאבִּין זֵיי אִים מִיט גִינוּמֶען. אִיז עֶר גִיפָארִין מִיט זֵיי אוּן הָאט זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵייעֶר פַיין.

**וִוי עֶר אִיז גִיקוּמֶען** קֵיין וַוארְשֶׁא מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בַּר הַבָנָה. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין וַוארְשֶׁא. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ הַאלְטִין בַּיי דִי סוֹחְרִים. טָאמֶער אִיז דָא אַ בֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵיי. לָאם אִיךְ גֵיין זוּכִין. וֶועל אִיךְ זֶעהְן.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אִין מַארְק. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין אוּן נָאךְ צוּ פְרֶעגִין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט. אוּן אוֹיבּ סֶע אִיז דָא אֵיין בֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. אַז דִי לַייט (וָואס זֵיי הָאבִּין אִים אַהֶער גִיבְּרַאכְט) זֶענֶען עֶרְלִיכֶע לַייט. אוּן סֶע גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין נָאר מַחְמַת דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּיי זֵיי צוּ זַיין.

מַחְמַת זֵייעֶר מַשָּׂא וּמַתָּן אִיז זֵייעֶר אִין וַוייטֶע עֶרְטֶער.

**דֶערְוַוייל** אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן גִיוֶועלְבּ מְשָׁרְתִים. וִוי זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז. מִיט זֵייעֶרֶע חֵן. מִיט זֵייעֶרֶע הִיטְלֶעךְ אוּן מִיט דִי שְׁפִּיצִיקֶע שִׁיךְ אוּן מִיט דִי אִיבְּרִיקֶע חֵן. וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זֵייעֶר גַאנְג. אוּן וִוי זֵיי גֵייעֶן אָנְגִיטָאן.

**אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען** אַ בַּר הַבָנָה אוּן אַ קְלוּגֶער יוּנְג. אִיז אִים דִי זַאךְ זֵייעֶר גִיפֶעלִין מַחְמַת סֶע אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ. אוּן סֶע אִיז אִין דֶער הֵיים אוֹיף אֵיין אָרְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט. אוּן הָאט זֵיי אָפְּגִידַאנְקְט. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אַז סֶע פַּאר אִים נִיט גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין. אוּן דָאס וָואס זֵי הָאבִּין אִים גִיפִּירְט אַהֶער דֶערְפַּאר הָאט עֶר זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת. אוּן דֶער סֵדֶר פוּן דִי מְשָׁרְתִים. אַז פְּרִיר מוּז מֶען זַיין אֵיין אוּנְטֶער מְשָׁרֵת. אוּן מֶען מוּז טָאן שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט. אוּן מְנֶעמְט וֵויינִיג שְׂכִירוּת. דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען עֶרְשְׁט אֵיין אֵייבֶּער מְשָׁרֵת.

**הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת** גִיטָאן מִיט אִים שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט. אוּן פְּלֶעגְט אִים שִׁיקִין צוּ שְׂרָרוֹת עֶר זָאל טְרָאגִין סְחוֹרָה אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן מְשָׁרְתִים. וָואס זֵי טְרָאגְן גִיוַואנְט אוֹיף דֶעם עֶלִינְבּוֹיגִין. אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גִיוֶוען דִי אַרְבֶּעט. אַמָאל הָאט עֶר בַּאדַארְפְט אַרוֹיף גֵיין מִיט דֶער סְחוֹרָה. אוֹיף אַ הוֹיכְן גָארִין. אִיז דִי אַרְבֶּעט אוֹיף אִים שְׁוֶוער גִיוֶוען.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַ פִילוֹסוֹף אַ בַּר הַבָנָה. וָואס טוֹיג מִיר דִי אַרְבֶּעט. דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר פוּן דֶעם תַּכְלִית וֶועגִין. אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען חַתוּנָה הָאבְּן אוּן זָאל מִיר קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין. אִיךְ בַּאדַארְף נָאךְ דְרוֹיף נִיט צוּ קוּקִין. דְרוֹיף וֶועט צַייט זַיין שְׁפֶּעטֶער. דֶערְוַוייל. וֶועל אִיךְ מִיר בֶּעסֶער אוֹיס זַיין אַ וֶועלְט. אוּן וֶועל אָנְקוּקִין מְדִינוֹת.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק.** אוּן הָאט גִיזֶעהְן סֶע פָארִין סוֹחֲרִים אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיקֶע. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. וואו הִין פָארְט אִיר. הָאבֶּען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. קֵיין לַאגוּרְנָא. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט וֶועט אִיר מִיךְ נֶעמֶען אַהִין. הָאבֶּען זֵיי אִים גְעֶנְפֶערְט. יוֹא.

**הָאבֶּען זֵיי** אִים גִינוּמֶען אַהִין. פוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גִילָאזְט קֵיין אִטַלְיָא. פוּן אִטַלְיָא הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גִילָאזְט קֵיין שְׁפַּאנְיָא. דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָה יָארִין. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין נָאךְ מֶער חָכָם. מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אִין אַסַאךְ מְדִינוֹת.



נאמען: ___________

# לאמיר זיין פארהערן



## די נייַנטע מעשה - דער חכם און דער תם (1)

**א. וואס איז דער תם געווען?**

- ☐ א נאר.
- ☐ ער פארשטייט נישט א ענין.
- ☐ זיין שכל איז געווען פראסט, אן חכמות.

**ב. דעם חכם מיטן תם האבן זאך ליב געהאט?**

- ☐ ניין.
- ☐ זיי האבן זיך זייער ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן זיך ליב געהאט.

**ג. וואס איז געבליבן פונעם גאנצן פארמעגן פון זייערע עלטערן?**

- ☐ נאר זייערע הייזער.
- ☐ נאר זייער פערד און וואגן.
- ☐ זיי זענען געבליבן אן גארנישט.

**ד. פארוואס האט דער חכם נישט געוואלט לערנען שוסטעריי?**

- ☐ ווייל עס איז גאר א שווערע ארבעט.
- ☐ ווייל עס איז א פראסטי מלאכה.
- ☐ ווייל מ'מאכט נישט גענוג פרנסה פון שוסטעריי.

**ה. וואו אהין איז דער חכם געפארן די ערשטע?**

- ☐ צו איטליא.
- ☐ צו שפאניא .
- ☐ צו ווארשא.

**ו. פארוואס איז געפעלן פאר דעם חכם, גֶוועלְבּ (סחורה) משרתים?**

- ☐ ווייל זיי זענען געגאנגען מיט זייערע חן, און עס איז א שיינע זאך.
- ☐ עס איז אין דער היים, אויף איין ארט.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. עס איז געווען שווער פארן חכם די ארבעט?**

- ☐ נאכן ארבעטן א פאר שעה איז אים געווארן שווער.
- ☐ ניין.
- ☐ יא.

**ח. אוואו איז געפארן דער חכם נאכדעם?**

- ☐ צו איטליא, און פון דארט צו שפאניא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו שפאניא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו לאגורנא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו שפאניא.

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ☐ איינמאל
- ☐ צוויימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אויף וועמען שטייט "פָּשׁוּט"?

אויף וועמען שטייט "מְשׁוּטֵט"?

ביי וועלכע מדינות איז געווען דער חכם ?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

אוואו זעט מען ביי די מעשה אז - לָדור בַּעֲלִיָּה הוא טוב יותֵר לַעֲבוֹדוֹת הַבּוֹרֵא מִלָּדוּר בְּבַיִת תַּחְתּוֹן. (המידות, בית) ?

דֶער בֶּן יָחִיד פְּלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין אִיבֶער שְׁטִיבְּל אוּן הָאט גִילֶערִנְט ...

**אוּן עֶר אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד**


דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com